# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Dos jidiše folk in tzifern

**Leštzinski, Jankev**

**Berlin, 1922**

עדאנאק ןוא עניטנעגרא ןיא ןדיא יד .17 לטיפאק.

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8340**

Visual Library

# די אידן אין ארגענטינע און קאנאדע.

אין ארגענטינע איז געווען אין 1910־טן יאר 75 000 אידן. פון זיי האבן געלעבט אין די אידישע קאלאניעס ביז 25 000, אומגעפער א דריטל. די איבע־ריגע פופציג טויזנט אידן האבן געלעבט כמעט אויסשליסליך אין די שטעט פון ארגענטינע. אין בוענאָס־איירעס אליין האט געוואוינט ביז 25 טויזנט אידן.

די עמיגראציע קיין ארגענטינע האט זיך אנגעהויבן ערשט צום סוף פון די אכטציגער יארן פון 19־טן יארהונדערט, און לכתחילה האט זי געטראגן נאר א קאלאניזאציע־כאראקטער, און דעריבער איז זי געגאנגען אזוי פאמעליך. ערשט אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט הויבן אן וואקסן די אידישע קהלות אין די שטעט פון ארגענטינע — די עמיגראציע באקומט ברייטערע מעגליכקייטן און הויבט זיך אן פארגרעסערן.

אין קאנאדע האבן אידן געוואוינט נאר פון לאנג. און ווי אין די פאר־איינינטע שטאטן, אזוי איז אויך אין קאנאדע די ערשטע עמיגראציע באשטאנען כמעט נאר פון ספרדישע אידן. ערשט אין די אכטציגער יארן פון פאריגן יאר־הונדערט הויבן אן פארן קיין קאנאדע אידישע עמיגראנטן פון רוסלאנד און עסטרייך, און די צאל פון די אידן דארטן הויבט זיך אן פארגרעסערן. דאך נייט דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין קאנאדע זעהר לאנגזאם און ערשט אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט ווערט ער אביסל אינטענסיווער.

ס'זיינען געווען אידן אין קאנאדע:

| | | |
|---|---|---|
| אין 1871־טן יאר | 1 115 | 0,03 % |
| " " 1881 " | 2 393 | 0,05 " |
| " " 1891 " | 6 414 | 0,13 " |
| " " 1901 " | 16 401 | 0,30 " |
| " " 1911 " | 74 564 | 1,03 " |

פאר פערציג יאר — פון 1871 ביז 1911־טן יאר — האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון קאנאדע פארגרעסערט כמעט ז י ב ע צ י ג מ א ל. דער־עיקר צוּוואקס איז געווען פאר די ערשטע צען יאר פון 20־טן יארהונדערט.

לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן אידן אויסגעמאכט אין 1871־טן יאר נאר א נישטיגן פראצענט — סך־הכל 0,03; אין 1911־טן יאר האט דער פראצענט פון די אידן שוין באטראפן 1,03 — פיר און דרייסיג מאל מער,

דאס הייסט, אז די אידישע באפעלקערונג פון קאנאדע וואקסט א סך אינטענ־סיווער, ווי די גאנצע באפעלקערונג. און אין דער אמתן: די אלגעמיינע באַ־פעלקערונג פון קאנאדע האט באטראפן:

| | |
|---|---|
| אין 1871־טן יאר | 3 635 024 |
| „ „ 1911 „ | 7 206 643 |

הייסט עס, אז זי האט זיך פאר אלע פערציג יאר נאר פארדאפעלט, ווען די אידישע באפעלקערונג פאר דער איינענער צייט האט זיך פארגרעסערט כמעט זיבעציג מאל.

פון די כמעט 75 טויזנט קאנאדער אידן לעבן ביז דריי טויזנט אין אידישע קאלאניעס און די איבעריגע זיינען קאנצענטרירט כמעט אויסשליסליך אין די שטעט. פון זעכציג טויזנט קאנאדער אידן אין 1909־טן יאר האבן געלעבט אין:

| | | |
|---|---|---|
| מאָנרעאַל | 30 000 | 50,00 % |
| טאַראָנטאָ | 10 000 | 16,66 „ |
| וויניפעג | 8 000 | 13,34 „ |
| סך־הכל | 48 000 | 80,00 „ |

אין דריי שטעט האבן געוואוינט אכציג פראצענט פון אלע אידן פון קאנאדע.

## פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן אין ארגענטינע אין 1910־טן יאר?
2. וויפיל פון זיי האבן געלעבט אין קאלאניעס?
3. ווען הויבט אן וואקסן די אידישע עמיגראציע קיין ארגענטינע?
4. פון וואסערע אידן זיינען באשטאנען די ערשטע אידישע עמיגראנטן אין קאנאדע?
5. וויפיל זיינען געווען אידן אין קאנאדע: אין 1871־טן? אין 1911־טן?
6. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט פאר פערציג יאר: די גאנצע באַ־פעלקערונג? די אידישע באפעלקערונג?
7. ווי גרויס איז די באפעלקערונג אין די אידישע קאלאניעס פון קאנאדע?
8. וויפיל אידן וואוינען אין די דריי גרעסטע קהלות פון קאנאדע?